# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות..................7:47
מוצאי שב"ק...................9:13

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..............ישעיה ל"ב-ל"ג
בבלי..........................תמורה כ"ב
ירושלמי......................ערלה י"א
תוספתא.............סוטה פרק ב'
רמב"ם.......טומאת אוכלין י"ד

פרשת דברים, שבת חזון, ט' אב, שנת תשע"ט לפ"ק
שנה 8, גליון 48 (408)


## פַּרְשַׁת הַשָּׁבוּעַ

**אֵלֶּה הַדְּבָרִים אֲשֶׁר דִּבֶּר מֹשֶׁה אֶל כָּל יִשְׂרָאֵל בְּעֵבֶר הַיַּרְדֵּן בָּעֲרָבָה מוֹל סוּף.** זָאגְט רַשִׁ"י, מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט אוֹיסְגֶערֶעכֶנְט אַלֶע פְּלֶעצֶער וואוּ דִי אִידְן הָאבְּן גֶעזִינְדִיגְט קֶעגְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, עֶר הָאט אָבֶּער עֶס נָאר דֶערְמַאנְט בְּרֶמֶז, וֶועגְן דִי כָּבוֹד פוּן דִי אִידְן.

מוֹהַרָא"שׁ אִיז דָאס מַסְבִּיר לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן א') אַז מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קַיין שׁוּם אִיד, וִוי דִי מִשְׁנָה זָאגְט (אָבוֹת ב, ד) **אַל תָּדִין אֶת חֲבֵרְךָ עַד שֶׁתַּגִּיעַ לִמְקוֹמוֹ**, מֶען קֶען נִישְׁט דַן זַיין קֵיינֶעם וִוי לַאנְג מֶען אִיז נִישְׁט אוֹיף יֶענֶעמְ'ס פְּלַאץ. אוּן וֶוער קֶען דֶען זַיין אוֹיף אַ צְוֵוייטְנְ'ס פְּלַאץ? נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, וָואס יֶעדֶער הָאט אַ פְּלַאץ בַּיי אִים, אוּן עֶר אִיז זִיכֶער מְקַיֵּים דֶעם הֱוֵי דָן אֶת כָּל אָדָם לְכַף זְכוּת (אָבוֹת א, ו).

מֶען קֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט וִויסְן צִי דִי פְּלַאץ אוּן דִי סִיבּוֹת אַרוּם דֶעם מֶענְטְשׁ הָאבְּן אִים גֶעמַאכְט טוּן שְׁלֶעכְטְס, אוּן דֶערְפַאר קֶען מֶען קֵיינֶעם נִישְׁט דַן זַיין, נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיין, וָואס עֶר וֵוייסְט אַלֶע סִיבּוֹת אַרוּם יֶעדֶע זַאךְ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, וֶוען מֹשֶׁה רַבֵּינוּ הָאט גֶעוָואלְט אוֹיסְרֶעכֶענֶען דִי עֲבֵירוֹת פוּן דִי אִידְן הָאט עֶר דֶערְמַאנְט נָאר דִי פְּלֶעצֶער, צוּ וַוייזְן אַז דִי פְּלֶעצֶער הָאבְּן גֶעמַאכְט דִי אִידְן זָאלְן זִינְדִיגְן, אָבֶּער בֶּאֱמֶת זֶענֶען אִידִישֶׁע קִינְדֶער וואוּיל אוּן ווִילְן נִישְׁט טוּן קַיין שְׁלֶעכְטְס.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ג)

***

**אַתָּה עֹבֵר הַיּוֹם אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר.** מוֹהַרָא"שׁ אִיז מַסְבִּיר דֶעם פָּסוּק לוֹיט וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן רע"ב) אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צה, ז) **הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ**, אַ גֶעוָואלְדִיגֶע עֵצָה פַאר אַ מֶענְטְשׁ עֶר זָאל מַצְלִיחַ סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אַז מֶען זָאל נָאר קוּקְן אוֹיפְן הַיינְטִיגְן טָאג. "וָואס קֶען אִיךְ הַיינְט טוּן, צוּ מַאכְן פַּרְנָסָה, אָדֶער אַרַיינְצוּכַאפְּן מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים", וַוייל אוֹיבּ טְרַאכְט מֶען וָואס עֶס אִיז גֶעוֶועןְ פְרִיעֶר, וֶוערְט מֶען צוּבְּרָאכְן "אִיךְ בִּין דָאךְ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט אֵיין שְׁטִיק דוּרְכְפַאל, אוּן אַזוֹי וִוי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, וֶועל אִיךְ וַוייטֶער אוֹיךְ נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מֶען טְרַאכְט אוֹיף וַוייטֶער, "וֶוער וֵוייסְט אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען אָנְהַאלְטְן וַוייטֶער אוּן מַצְלִיחַ זַיין?", וֶוען מֶען טְרַאכְט אָבֶּער נָאר אוֹיף דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מִינוּט, דַאן אִיז מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, **אַתָּה עֹבֵר "הַיּוֹם" אֶת גְּבוּל מוֹאָב אֶת עָר**, אוֹיבּ מֶען ווִיל אַרִיבֶּער שְׁפְּרִינְגֶען דִי גְבוּל פוּן מוֹאָב וָואס דָאס זֶענֶען דִי אַלֶע קְלִיפּוֹת אוּן שְׁלֶעכְטְס וָואס ווִילְן אַוֶועק נֶעמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דִי עֵצָה "הַיּוֹם - הַיינְט" צוּ טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוֹיבּ וֶועט מֶען טְרַאכְטְן נָאר פוּנֶעם הַיינְטִיגְן טָאג דַאן וֶועט מֶען זֵייעֶר מַצְלִיחַ זַיין.

(זֹאת הַתּוֹרָה דְּבָרִים ז)

## מוֹהַרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### שַׁבָּת חֲזוֹן - תִּשְׁעָה בְּאָב

דֶער שַׁבָּת פַאר תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "שַׁבָּת חֲזוֹן". אִין סֵפֶר 'שַׁעַר הַמֶּלֶךְ' וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט אַז "חֲזוֹן" אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת חֲ'צִי זַ'עַם וְ'חֲצִי נֶ'חָמָה. דָאס מֵיינְט אַז אֲפִילוּ פוּן אֵיין זַייט אִיז עֶס טַאקֶע אַ טְרוֹיעֶרִיגֶע צַייט, מֶען טְרוֹיעֶרְט אוֹיפְ'ן חוּרְבָּן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אִיז אָבֶּער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט אוֹיךְ דָא אַ נֶחָמָה, אַ טְרֵייסְט, אַז דִי טֶעג וֶועלְן נָאךְ וֶוערְן אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט צוּ פְרֵיילִיכֶע טֶעג. וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען בְּקָרוֹב, וֶועלְן דִי טֶעג וֶוערְן אַ יוֹם טוֹב.

חֲזַ"ל דֶערְצֵיילְן (מַכּוֹת כ"ד) אַז וֶוען דִי חֲכָמִים הָאבְּן גֶעזֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע חוּרְבָּן אוֹיפְ'ן הַר הַבַּיִת הָאבְּן זֵיי גֶעוֵויינְט אוּן גֶעקְלָאגְט. רֶבִּי עֲקִיבָא - וָואס אִיז אוֹיךְ דָארְט גֶעוֶוען - הָאט אָבֶּער גֶעלַאכְט. הָאבְּן אִים דִי חֲכָמִים גֶעפְרֶעגְט: "פַארְוָואס לַאכְסְטוּ?", הָאט רֶבִּי עֲקִיבָא גֶעזָאגְט: "אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶע אַז דִי עֶרְשְׁטֶע חֵלֶק פוּן דִי נְבוּאָה אִיז אַזוֹי שְׁטַארְק מְקוּיָּם גֶעוָוארְן, אַז דֶער בֵּית הַמִּקְדָּשׁ אִיז חָרוּב גֶעוָוארְן, גְלֵייבּ אִיךְ אַז דִי צְוֵוייטֶע הֶעלְפְט נְבוּאָה וֶועט אוֹיךְ מְקוּיָּם וֶוערְן, אַז

<<<<<<

## א גוט ווארט

נָאךְ אַ עֵצָה הָאבּ אִיךְ פַאר דִיר - אוּן פַאר אַלֶע וָואס זוּכְן צוּ הָאבְּן אַ טַעַם אִין לֶעבְּן, אַ גֶעשְׁמַאק אִינֶעם טָאג טֶעגְלִיכֶע לֶעבְּן, - זָאלְסְט פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן אוּן אָנְהֵייבְּן לֶערְנֶען אוֹיפְ'ן סֵדֶר דֶרֶךְ הַלִּימוּד (הַמְבוֹאָר בְּשִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן עו). נֶעם הַיינְט אַ מִשְׁנָיּוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת; גֵיי כְּסֵדְרְן אַ פֶּרֶק נָאךְ אַ פֶּרֶק, זָאג דִי וֶוערְטֶער אוֹיפְ'ן קוֹל. אֲפִילוּ דוּ פַארְשְׁטֵייסְט נִיטְאַמָאל דִי פְּשׁוּט'ע טַייטְשׁ - זָאלְסְטוּ זָאגְן דִי וֶוערְטֶער. אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת, נָאכְדֶעם גֵיי צוּ דִי קוּמֶענְדִיגֶע מַסֶּכְתָּא בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן אַ סֵדֶר אוּן וֶוען דוּ עֶנְדִיגְסְט אַ סֵדֶר זָאלְסְטוּ וַוייטֶער זָאגְן פְּרָקִים מִשְׁנָיּוֹת בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן שִׁשָּׁה סִדְרֵי מִשְׁנֶה, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן נָאכְאַמָאל מִשְׁנָיּוֹת וְכוּ' וְכוּ', אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן דַיין גַאנְצֶע לֶעבְּן.

אַזוֹי זָאלְסְטוּ אוֹיךְ טוּן מִיט גְמָרָא; הֵייבּ אָן שַׁ"ס כְּסֵדְרְן דַיְקָא. נֶעם מַסֶּכֶת בְּרָכוֹת אוּן הֵייבּ אָן זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי הֵיילִיגֶע גְמָרָא; זָאג אַ בְּלַאט נָאךְ אַ בְּלַאט בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן דִי גַאנְצֶע מַסֶּכְתָּא, נָאכְדֶעם זָאלְסְטוּ אָנְהֵייבְּן מַסֶּכֶת שַׁבָּת, אַזוֹי זָאלְסְטוּ גֵיין כְּסֵדְרְן בִּיז דוּ וֶועסְט עֶנְדִיגְן גַאנְץ שַׁ"ס, אֲפִילוּ אִין אָנְהֵייבּ וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין וָואס דוּ לֶערְנְסְט, דָאךְ זָאלְסְטוּ וַוייטֶער לֶערְנֶען אָן פַארְשְׁטֵיין; זָאג דִי הֵיילִיגֶע וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה, דָאס וֶועט אַרַיין בְּלָאזְן אִין דִיר אַ פְרִישֶׁע חַיּוּת אוּן אַ גֶעשְׁמַאק אִין לֶעבְּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' דְּבָרִים תשע"ט)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## אַז אִיךְ הַאלְט מִיט פוּן דֶערְוַוייטְנְס, בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ?

***שְׁאֵלָה:***

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,

שׁוֹין קָרוֹב צוּ אַ יָאר וָואס אִיךְ פַּארְפֶעל נִישְׁט קַיין אֵיין שִׁיעוּר פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א אוֹיף דִי "קוֹל בְּרֶסְלֶב" טֶעלֶעפָאן לַיין, אוּן ב"ה אַז אִיךְ פְּרוּבִיר מְקַיֵּים צוּ זַיין וָואס אִיךְ הֶער, אִיךְ בִּין מַעֲבִיר סֶדְרָה יֶעדְן טָאג, אִיךְ לֶערְן ח"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת אוּן נָאךְ שִׁיעוּרִים, אוּן אִיךְ בִּין מְכַבֵּד מַיין וַוייבּ. אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס.

יֶעצְט צוּ מַיין שְׁאֵלָה, דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה הָאט גֶעזָאגְט בַּיי אַ שִׁיעוּר אַז דִי תַּלְמִידִים זָאלְן זֶען צוּ קוּמֶען כָאטְשׁ אֵיינְמָאל אַ וָואךְ אִין קֶעמְפּ, זִיךְ צוּ טוֹבְלְ'ן אִין דִי מִקְוֶה פוּן אֱמוּנָה. ווייל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ דָאס אִיז אוֹיךְ גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אַזַא אֵיינֶער וִוי מִיר וָואס אִיז אַ תַּלְמִיד נָאר פוּן דִי שִׁיעוּרִים אוֹיפְ'ן טֶעלֶעפָאן, אָדֶער נָאר פַאר וֶוער עֶס אִיז אָפִּיצִיעֶל אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ אוּן דְרֵייט זִיךְ דָארְט פִּיזִישׁ?

אוֹיךְ ווִיל אִיךְ ווִיסְן אוֹיבּ אִיךְ וֶועל קֶענֶען קוּמֶען מִיטְהַאלְטְן דִי שַׁבָּת הִתְוַועֲדוּת מִיט דִי סִיוּם הַשַּׁ"ס פוּן דִי שִׁיעוּר הַקְּהִלָּה דֶעם קוּמֶענְדִיגְן יָאר.

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ה' פַּרָשַׁת פִּנְחָס, כ"ב תַּמּוּז, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

אִיךְ וֶועל זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען זִיךְ אַרַיין שְׁטֶעקְן דֶעם קָאפּ אוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן חֲבוּרַת הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, זִיךְ אָנְזֶעטִיגְן מִיט דִי גוּטֶע עֶסְן וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט אוּנְז. מְזוֹנָא דְנִשְׁמָתָא (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק ב, סִימָן ח), שְׁפַּייז פַאר דִי נְשָׁמָה; דִיבּוּרֵי אֱמוּנָה וָואס אִיז מְחַזֵּק אוּנְזֶערֶע נְשָׁמוֹת.

שְׁפִּיר נִישְׁט וִוי דוּ בִּיסְט צְוֵוייט קְלַאסִיג וְכוּ'; מֵיין נִישְׁט אַז מֶען דַארְף זַיין אִין אַ גֶעוִויסֶע מָקוֹם צוּ זַיין אַ תַּלְמִיד הֵיכָל הַקוֹדֶשׁ, כְּאִילוּ נָאר דִי וָואס דַאוֶוענֶען דָארְט אוּן דָארְט אוּן נָאר דִי וָואס גֶעפִינֶען זִיךְ דָארְט אוּן דָארְט - דִי זֶענֶען בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידִים אוּן דִי אֶמֶתְ'עֶ תַּלְמִידִים. עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי; בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ חֲסִידוּת אִיז נִישְׁט מְצוּמְצָם אִין קַיין שׁוּם פְּלַאץ, נָאר וואוּ אִימֶער דֶער מֶענְטְשׁ גֶעפִינְט זִיךְ, אוֹיבּ פָאלְגְט עֶר דֶעם הֵיילִיגְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת, עֶר לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פְּרוּבִּירְט צוּ מְקַיֵּים זַיין וָואס שְׁטֵייט דָארְט, דוּרְכְדֶעם אִיז עֶר מְקוּשָּׁר צוּם רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד פוּן רֶבִּי'ן.

אַלֶע פְרִישֶׁע מְקוֹרָבִים הָאבְּן דֶעם גֶעפִיל אַז זֵיי זֶענֶען נָאכְנִישְׁט פוּן דִי רִיכְטִיגֶע בְּרֶסְלֶבֶ'עֶ; זֵיי קוּקְן אוֹיף דִי אַלְטֶע מְקוֹרָבִים מִיט קִנְאָה - וִוי זֵיי זֶענֶען דִי וָואס זֶענֶען נֶענְטֶער צוּם רֶבִּי'ן. ווִיסְן זָאלְסְטוּ אָבֶער אַז מֶען קֶען נִישְׁט זַיין מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן נָאר אַז מֶען לֶערְנְט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים - לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, שִׂיחוֹת הָרַ"ן, חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת אוּן סֵפֶר הַמִּדּוֹת. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (אָבוֹת ב, ה): "וְלֹא עַם הָאָרֶץ חָסִיד"; אוֹיבּ לֶערְנְט מֶען נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן מֶען אִיז נִישְׁט מְקַיֵּים זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֵצוֹת - הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שׁוּם שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן. עֶס קֶענֶען זַיין מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען שׁוֹין יָארְן אִין בְּרֶסְלֶב, אָבֶער אוֹיבּ זֵיי לֶערְנֶען נִישְׁט דֶעם רֶבִּינְ'ס סְפָרִים זֶענֶען זֵיי נִישְׁט קַיין תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּי'ן, ווִידֶער קֶען זַיין אַ פְרִישֶׁער מְקוֹרָב וָואס אוֹיבּ עֶר בַּאפְלַייסְט זִיךְ אִין רֶבִּינְ'ס סְפָרִים אוּן פָאלְגְט דִי עֵצוֹת אִיז עֶר מֶער מְקוֹרָב וִוי אַנְדֶערֶע.

רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זֵכֶר צַדִּיק לִבְרָכָה הָאט אַמָאל גֶעכַאפְּט אַ הִיטְשׁ [טְרֶעמְפּ] מִיט אֵיינֶעם יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק; אַזוֹי שְׁמוּעֶסְנְדִיג זָאגְט עֶר פַאר רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער: "אִיךְ הָאבּ גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן", אוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער הָאט אִים מְקַנֵּא גֶעוֶוען. וֶוען אִיז עֶר גֶעקוּמֶען צוּ רֶבִּי נָתָן אוּן אִים דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעטְרָאפְן אַ אִיד יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק וָואס הָאט גֶעקֶענְט דֶעם רֶבִּי'ן, הָאט אִים רֶבִּי נָתָן גֶעזָאגְט: "יוֹסְל פַּארָאנְטְשִׁיק הָאט נִישְׁט 'גֶעקֶענְט' דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר הָאט 'גֶעזֶען' דֶעם רֶבִּי'ן, דוּ 'קֶענְסְט' דֶעם רֶבִּי'ן, ווייל דוּ לֶערְנְסְט דִי סְפָרִים פוּן רֶבִּי'ן", אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קצב): "פָּנָיו שִׂכְלוֹ וְנִשְׁמָתוֹ נִמְצָאִים בְּתוֹךְ סִפְרוֹ", דִי פָּנִים, שֵׂכֶל אוּן נְשָׁמָה פוּנֶעם צַדִּיק גֶעפוּנְט זִיךְ אִין זַיינֶע סְפָרִים; קוּמְט אוֹיס אַז אֵיינֶער וָואס לֶערְנְט דִי סְפָרִים פוּנֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, - דֶער קֶען דֶעם רֶבִּי'ן אוּן עֶר אִיז אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד. אָבֶער אַז מֶען לֶערְנְט נִישְׁט דִי סְפָרִים הָאט מֶען נִישְׁט קַיין שַׁיְיכוּת מִיטְן רֶבִּי'ן.

אַדְרַבָּה וְאַדְרַבָּה, קוּמְט אַרוֹיס אִין קֶעמְפּ זַיין אַ חֵלֶק פוּן אַזַא הֵיילִיגֶע פְּלַאץ וואוּ מֶען אִיז זִיךְ מְחַיֶּ' וּמְחַזֵּק מִיט דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. אוּן אַלֶע וָואס הָאבְּן אַ גֶעפִיל צוּם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים - אֶת אֲשֶׁר יֶשְׁנוֹ פֹּה עִמָּנוּ וְאֵת אֲשֶׁר אֵינֶנּוּ פֹּה עִמָּנוּ, נָאר זֵיי זֶענֶען זִיךְ מְחַיֶּ' פוּן דֶערְוַוייטְנְס - זֶענֶען גֶעלַאדְנְט צוּ קוּמֶען מִיט הַאלְטְן דִי שַׁבָּת הִתְוַועֲדוּת סִיּוּם הַשַּׁ"ס אוּן זַיין אַ חֵלֶק פוּן דֶעם פְּלַאץ.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' פִּנְחָס תשע"ט)

>>>>>> מִיר וֶועלְן נָאךְ אוֹיסְגֶעלֵייזְט וֶוערְן פוּן גָלוּת, אוּן דִי אִידְן וֶועלְן נָאךְ אוֹיפְגֶערָאכְטְן וֶוערְן".

דִי צַדִּיקִים קוּקְן אוֹיף דִי פְּנִימִיּוּת פוּן יֶעדֶע זַאךְ, אֲפִילוּ יֶעצְט זֶעט אַלֶעס אוֹיס אַזוֹי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער, וֶועלְן דִי טֶעג אָבֶער צוּם סוֹף אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט וֶוערְן צוּ יָמִים טוֹבִים, אוּן מִיר וֶועלְן זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי גְרוֹיסֶע יְשׁוּעוֹת וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז הֶעלְפְן.

דֶערְפַאר וֶוערְט גֶע'פַּסְקְ'נְט אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ (אוֹרַח חַיִּים סִימָן תקנ"ב) אַז מֶען זָאגְט נִישְׁט קַיין תַּחֲנוּן תִּשְׁעָה בְּאָב ווייל תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן "מוֹעֵד" - אַ יוֹם טוֹב. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע, אִיז עֶס דֶען אַ יוֹם טוֹב? פּוּנְקְט פַּארְקֶערְט, מֶען טְרוֹיעֶרְט דָאךְ אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, מֶען טוּט אַלֶע הֲלָכוֹת פוּן אֲבֵילוּת אִין תִּשְׁעָה בְּאָב, וִוי אַזוֹי קֶען מֶען עֶס אָנְרוּפְן אַ יוֹם טוֹב?

נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז בִּפְנִימִיּוּת זֶענֶען דִי טֶעג פְרֵיילִיכֶע טֶעג, וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ נִיגוּן פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אַזוֹי וִוי מֶען לֵיינְט פּוּרִים דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר פְרֵיילִיכֶערְהֵייט. אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט זֶענֶען מִיר נָאךְ אִין גָלוּת, אוּן מֶען דַארְף טְרוֹיעֶרְן אוּן זִיךְ פִירְן מִיט אֲבֵילוּת, טָאר מֶען אָבֶער נִישְׁט מֵסִיחַ דַעַת זַיין פוּן דִי גְאוּלָה הָעֲתִידָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נָאךְ אוֹיסְלֵייזְן בְּקָרוֹב.

בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פִירְט מֶען זִיךְ צוּ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה אוֹיךְ בַּייטָאג. ווייל וֶוען מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט מֶען דָאךְ לֵיינֶען דִי מְגִילַת אֵיכָה מִיט אַ פְרֵיילִיכְן נִיגוּן מִיט אַ "שֶׁהֶחֱיָינוּ" אַז מִיר הָאבְּן זִיךְ גֶעקֶענְט דֶערְהַאלְטְן אִין אַזַא שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע גָלוּת, אוּן מֶען וֶועט עֶס אַוַדְאַי לֵיינֶען סַיי בַּיינַאכְט אוּן סַיי בַּייטָאג אַזוֹי וִוי דִי מְגִילַת אֶסְתֵּר, דֶערְפַאר לֵיינְט מֶען עֶס אוֹיךְ הַיינְט סַיי בַּיינַאכְט אוּן סַיי בַּייטָאג.

עֶס גֵייט אַזוֹי וַוייט אַז עֶס זֶענֶען גֶעוֶוען צַדִּיקִים אוּן יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס אִין מוֹצָאֵי שַׁבָּת חֲזוֹן הָאבְּן זֵיי נִישְׁט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", אַזוֹי וִוי מֶען פִירְט זִיךְ אַז וֶוען עֶס גֶעפַאלְט אַ יוֹם טוֹב אִינְמִיטְן דִי וָואךְ זָאגְט מֶען נִישְׁט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ". ווייל זֵיי הָאבְּן גֶעהַאט אַזַא שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז זִיכֶער אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, אוּן דֶעמָאלְט וֶועט דָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב זַיין אַ יוֹם טוֹב. אָבֶער וֶוען עֶס אִיז גֶעקוּמֶען תִּשְׁעָה בְּאָב בַּיינַאכְט אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעזֶען אַז מֶען אִיז לֵיידֶער נָאכְנִישְׁט אוֹיסְגֶעלֵייזְט גֶעוָוארְן, הָאבְּן זֵיי דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט "וְאַתָּה קָדוֹשׁ", צוּ מַשְׁלִים זַיין דָאס וָואס מֶען הָאט אוֹיסְגֶעלָאזְט מוֹצָאֵי שַׁבָּת.

## דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן

וֶוען מֶען זָאגְט מְגִילַת אֵיכָה דַארְף מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן דִי פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין. אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב' סִימָן ק"א) אַז וֶוען מֶען זָאגְט תְּהִלִּים, תְּחִינוֹת, אָדֶער תִּיקוּן חֲצוֹת זָאל מֶען אוֹיסְטַייטְשְׁן אַלֶע פְּסוּקִים אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, דִי אַלֶע מִלְחָמוֹת וָואס שְׁטֵייט אִין תְּהִלִּים, דִי אַלֶע שׂוֹנְאִים וָואס דָוִד הַמֶּלֶךְ רֶעדְט זִיךְ אָפּ וֶועגְן זֵיי אִין תְּהִלִּים, דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע מִלְחָמוֹת וָואס יֶעדֶער מֶענְטְשׁ הָאט מִיט זַיין יֵצֶר הָרַע, וָואס עֶר אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער פַּיינְט פוּן אַ מֶענְטְשׁ, עֶר ווִיל נָאר הַרְגְ'עֶנֶען דֶעם מֶענְטְשׁ בְּרוּחֲנִיּוּת וּבְגַשְׁמִיּוּת, אוּן אוֹיף דֶעם בֶּעט מֶען אִין תְּהִלִּים אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע אוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז מִיט מְגִילַת אֵיכָה. מֶען דַארְף בְּעִיקָּר טְרוֹיעֶרְן אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע חוּרְבָּן אַז מֶען הָאט נָאכְנִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, וָואס דוּרְךְ דֶעם הַאלְט מֶען צוּרִיק דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ פוּן וֶוערְן אוֹיפְגֶעבּוֹיעֶט, יֶעדֶער אִיד דַארְף בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז פוּן זַיין זַייט זָאל עֶר נִישְׁט שְׁטֶערְן דָאס אוֹיפְבּוֹי פוּנֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ, אַז זַיינֶע מַעֲשִׂים זָאלְן נִישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן דִי גְאוּלָה אוּן דֶעם בִּנְיָן בֵּית הַמִּקְדָּשׁ בִּמְהֵרָה.

## קִידּוּשׁ לְבָנָה

מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב פִירְט מֶען זִיךְ אַז מֶען אִיז מְקַדֵּשׁ דִי לְבָנָה. דֶער אֲרִ"י הַקָּדוֹשׁ שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם (פְּרִי עֵץ חַיִּים, אַחַר סוֹד כַּוָּנַת ת"ב) אַז דָאס אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶע זַאךְ צוּ מְקַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב.

דֶער עִנְיָן דֶערְפוּן אִיז, אַזוֹי וִוי מֶען זֶעט בַּיי דִי לְבָנָה אַז דַוְקָא וֶוען זִי וֶוערְט שׁוֹין זֵייעֶר קְלֵיין בִּיז מֶען זֶעט עֶס שׁוֹין אִינְגַאנְצְן נִישְׁט, דַוְקָא דֶעמָאלְט טוּט זִי זִיךְ בַּאנַייעֶן, אוּן הֵייבְּט אָן צוּ וֶוערְן צוּרִיק גְרֶעסֶער.

דִי זֶעלְבֶּע אִיז אוֹיךְ יֶעצְט, דַוְקָא נָאךְ תִּשְׁעָה בְּאָב וֶוען מֶען הָאט אַזוֹי שְׁטַארְק גֶעטְרוֹיעֶרְט אוֹיפְן חוּרְבָּן, דֶעמָאלְט אִיז דִי צַייט זִיךְ צוּרִיק אוֹיפְצוּהֵייבְּן אוּן אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זַיין וואוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ. אוּן דֶערְפַאר אִיז מוֹצָאֵי תִּשְׁעָה בְּאָב דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט צוּ מְחַדֵּשׁ זַיין דִי לְבָנָה.

אִין דִי פּוֹסְקִים וֶוערְט גֶעבְּרֶענְגְט, אַז פַאר מֶען אִיז מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה זָאל מֶען קוֹדֶם אוֹיסְפַאסְטְן, עֶסְן עֶפֶּעס, אוּן אָנְטוּן צוּרִיק דִי שִׁיךְ, אוּן וֶוער עֶס קֶען גֵייט אוֹיךְ אִין מִקְוֶה, אוּן דֶערְנָאךְ אִיז מֶען מְחַדֵּשׁ דִי לְבָנָה פְרֵיילִיכֶערְהֵייט, אוּן מֶען בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר זָאל אוּנְז שׁוֹין אוֹיסְלֵייזְן פוּן גָלוּת, וָואס דֶעמָאלְט וֶועט זַיין וְהָיָה אוֹר הַלְּבָנָה כְּאוֹר הַחַמָּה, דִי לְבָנָה וֶועט שַׁיינֶען אַזוֹי וִוי דִי זוּן, בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ חֵלֶק א' וְחֵלֶק י' עֶרֶךְ תִּשְׁעָה בְּאָב, וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ בֵּין הַמְּצָרִים)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב




## זָאל אִיךְ פָאהְרְן קַיין אוּמַאן, כָאטְשׁ וָואס נִישְׁט יֶעדֶער אִיז מַסְכִּים דֶערְצוּ?

**שְׁאֵלָה:**

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הַאלְט מִיט בָּרוּךְ ה' דִי שִׁיעוּרִים אִין יְשִׁיבָה, דָאס הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן. דֶעם רֶבִּינְ'ס לִימוּדִים גֶעבְּן מִיר אַרַיין אַ חַיוּת, עֶס דֶערְנֶענְטֶערְט מִיר צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶס הֶעלְפְט מִיר אוּן פִירְט מִיר אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג בַּיי יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן, סַיי בְּרוּחֲנִיוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיוּת.

יֶעצְט וֶוען מְ'דֶערְנֶענְטֶערְט זִיךְ רֹאשׁ הַשָּׁנָה וִויל אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק פָאהְרְן קַיין אוּמַאן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. בָּרוּךְ ה' אַז מַיין וַוייבּ אִיז מַסְכִּים אוּן פְרֵיידְט זִיךְ אַז אִיךְ פָאר, זִי שְׁטַארְקְט מִיךְ צוּ פָאהְרְן, וַוייל זִי וֵוייסְט אוֹיךְ זֵייעֶר גוּט וִויפִיל גוּטְס מִיר בַּאקוּמֶען פוּן רֶבִּי'ן דֶעם גַאנְצְן יָאר. אָבֶּער מַיין ... אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר בְּרוֹגֶז אוֹיף מִיר, עֶס שְׁטֶערְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק אַז אִיךְ וִויל פָאהְרְן קַיין אוּמַאן. וָואס דַארְף אִיךְ צוּ טוּן?

**יְיַשֵׁר כֹּחַ**

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

עֶרֶב שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מַטּוֹת-מַסְעֵי, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשע"ט לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

וָואס אִיז בִּכְלָל דַיין שְׁאֵלָה? אַוַדַאי זָאלְסְטוּ קוּמֶען קַיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילּוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי", דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהָאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תג): "הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל", מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֶעְדַּר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה", עֶס אִיז מִיר אַ וואוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, "וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ תִּחְיֶה אִיז מִיט דִיר אוּן זִי אִיז מַסְכִּים אַז דוּ זָאלְסְט פָאהְרְן, מֶער פוּן דֶעם דַארְפְסְטוּ נִישְׁט. אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר אוּן זִי שְׁטַארְקְט דִיר, זָאלְסְטוּ נִישְׁט קוּקְן אוֹיף קֵיינֶעם אוֹיף דִי וֶועלְט, אֲפִילּוּ דַיין .... רֶעדְט דִיר אָפּ אוּן מַאכְט חוֹזֵק פוּן דֶעם. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט בְּפֵירוּשׁ גֶעזָאגְט (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן ריד): "כָּל מַה שֶּׁהַצַּדִּיק מְצַוֶּה לַעֲשׂוֹת צָרִיךְ לְקַיֵּם", אַלֶעס וָואס אַ צַדִּיק זָאגְט דַארְף מֶען מְקַיֵּים זַיין, "רַק כְּשֶׁמְּצַוֶּה שֶׁלֹּא לִסַּע עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, זֶה אֵין צָרִיךְ לְקַיֵּם", אָבֶּער וֶוען דֶער צַדִּיק הֵייסְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט קוּמֶען צוּ אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, דָאס דַארְף מֶען נִישְׁט פָאלְגְן; וַוייל אַלֶע דַארְפְן קוּמֶען אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה צוּ אִים.

וָואס גֵייט דִיר אָן אַז הוּנְט בִּילְן אִינְדְרוֹיסְן פוּן דַיין שְׁטוּבּ; דֶער עִיקָר אִיז אַז בַּיי דִיר אִין שְׁטוּבּ אִיז דָא מְנוּחָה, דוּ אוּן דַיין וַוייבּ קוּמֶען זִיךְ אוֹיס. וָואס דֶער זָאגְט אוּן וָואס יֶענֶער זָאגְט - דָאס דַארְף דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין אוּן עֶס זָאל דִיר נִישְׁט אָנְגֵיין. פָאלְג מִיר, פַארְמַאךְ דַיין טִיר אוּנְטֶער דִיר אוּן הֶער נִישְׁט אוֹיס וָואס אַנְדֶערֶע זָאגְן.

נָאכְאַמָאל, הֶער נִישְׁט אוֹיף דַאנְקֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז דַיין וַוייבּ אִיז מִיט דִיר; בֵּיידֶע זֶענְט אִיר מְקוֹרָב צוּם רֶבִּי'ן, בֵּיידֶע ווִילְט אִיר אַ לֶעבְּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת. אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט אוּנְז רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן אִיךְ הָאף אַז דוּ וֶועסְט טַאקֶע זַיין מִיט אוּנְז.

מֶען עֶנְדִיגְט יֶעצְט דֶעם בִּנְיָן אִין אוּמַאן. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה דֶערְצֵיילְן (תַּעֲנִית כד:): פְּלִימוֹ הָאט גֶעזָאגְט: "אֲנִי רָאִיתִי אוֹתוֹ הַבַּיִת וְהָיוּ קוֹרוֹתָיו יוֹצְאוֹת אַמָּה לְכָאן וְאַמָּה לְכָאן", אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען דֶעם הוֹיז וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִילָּה - וֶוען אַ פְרוֹי אִיז גֶעקוּמֶען צוּ אִים וֵויינֶען זִי הָאט גֶעבּוֹיט אַ הוֹיז אוּן מֶען קֶען נִישְׁט עֶנְדִיגְן דֶעם דַאךְ וַוייל דִי הֶעלְצֶער זֶענֶען קוּרְץ גֶעשְׁנִיטְן, עֶס קוּמְט נִישְׁט אָן אוֹיף דִי לֶענְג פוּנֶעם הוֹיז, הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ נֵס, "וְאָמְרוּ לִי 'בַּיִת זֶה שֶׁקֵּירָה רַבִּי חֲנִינָה בֶּן דוֹסָא בִּתְפִלָּתוֹ'", דִי הֶעלְצֶער הָאבְּן זִיךְ אוֹיסְגֶעצוֹיגְן אַזוֹי הָאט מֶען גֶעקֶענְט עֶנְדִיגְן דֶעם דַאךְ, אוּן מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "דֶער שְׁטוּבּ הָאט רֶבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא גֶעבּוֹיט מִיט תְּפִילָּה".

גֶענוֹי דָאס קֶען מֶען זָאגְן אוֹיפְ'ן בִּנְיָן אִין אוּמַאן; וֶוער עֶס זֶעט דֶעם בִּנְיָן קֶען זָאגְן: "אִיךְ הָאבּ גֶעזֶען אַ בִּנְיָן וָואס מֶען הָאט גֶעבּוֹיעֶט מִיט תְּפִילָּה"; עֶס לִיגְט שׁוֹין אִינֶעם בִּנְיָן סְחוֹרָה אִין וֶוערְד פוּן אַ מִילְיָאן אוּן אַ הַאלְבּ דָאלֶער, דָאס אִיז נָאר פוּן תְּפִילָּה.

**אַ גוּט שַׁבָּת אוּן אַ גוּטְן חוֹדֶשׁ.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה, פ' מַטּוֹת-מַסְעֵי תשע"ט)

BreslevCenter.com\answers

**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**

**צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132**




## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (לו)

**שְׁנַת תקנ"ח**

**קסט**

אֵיין טָאג, אִין אָנְהוֹיבּ וִוינְטֶער שְׁנַת תקנ"ח, אִיז ר' שִׁמְעוֹן גֶעקוּמֶען צוּ פָאהְרְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְקֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶפֶּעס אַ נְסִיעָה וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְגֶעץ פָארְן, אִיךְ וֵוייס אָבֶּער נִישְׁט וואוּ אַהִין". ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט, "וִוי אַזוֹי קֶען מֶען פָארְן, אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וואוּ מְ'ווִיל פָארְן?", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶּער גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ וֵוייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט".

גְלַייךְ וֶוען ר' שִׁמְעוֹן הָאט דָאס גֶעהֶערְט, אִיז עֶר נִתְעוֹרֵר גֶעוָוארְן צוּ הֶעלְפְן דֶעם רֶבִּי'ן, עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען צוּגְרֵייטְן אַ וָואגְן מִיט פֶערְד אוּן אַלֶע אִיבְּרִיגֶע גֶעבְּרוֹיכְן פַאר אַ נְסִיעָה. דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט, "וֶועסְטוּ קֶענֶען מִיטְפָארְן מִיט מִיר?", הָאט ר' שִׁמְעוֹן צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "פַארְוָואס דֶען נִישְׁט?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז דִי רֵייזֶע קֶען זִיךְ פַארְצִיעֶן פַאר אַ וָואךְ אָדֶער צְוֵויי וָואכְן, אוּן אֶפְשָׁר פַאר אַ חוֹדֶשׁ אָדֶער אַ פֶערְטְל יָאר, אוּן אֶפְשָׁר אֲפִילּוּ פַאר אַ הַאלְבּ יָאר אָדֶער אַ גַאנְץ יָאר. הָאט ר' שִׁמְעוֹן ווִידֶער גֶעלַאכְט אוּן נִישְׁט גֶעקֶענְט פַארְשְׁטֵיין וִוי אַזוֹי סְ'קֶען זַיין אַזַא זַאךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל נִישְׁט ווִיסְן וואוּ עֶר פָארְט אוּן וִוי לַאנְג דִי רֵייזֶע וֶועט נֶעמֶען. וֶוען עֶר הָאט אָבֶּער גֶעזֶען אַז דֶער רֶבִּי מֵיינְט עֶס זֵייעֶר עֶרְנְסְט, עֶר וִויל טַאקֶע זִיךְ אַרוֹיסְלָאזְן אוֹיפְ'ן וֶועג, הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן אַז עֶר לָאזְט אַלֶעס אָפּ אוּן עֶר וֶועט מִיטְפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי'ן, אֲפִילּוּ אוֹיבּ דִי נְסִיעָה וֶועט זִיךְ פַארְצִיעֶן פַאר גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט. אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס פָארְט קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ.

אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעבֶּעטְן דֶעם רֶבִּי'ן דוּרְכְצוּפָארְן דֶעם דָארְף וָואלְחִיוִויץ, אוּן דָארְט הָאבְּן זֵיי אוֹיפְגֶענוּמֶען נָאךְ אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאל מִיטְפָארְן מִיט זֵיי, אוּן דֶערְוַוייל הָאט דֶער רֶבִּי נָאכְאַלְץ נִישְׁט גֶעוואוּסְט וואוּ עֶר פָארְט.

וֶוען מְ'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ אִים. עֶר אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט אִים זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת גֶעזָאגְט, "מַיין טֵייעֶר קִינְד, וֶוען וֶועסְטוּ גֵיין צוּ דַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע [דָאס מֵיינְט צוּ זַיין הֵיילִיגֶער קֶבֶר]?", הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ מַיין זֵיידֶע

<<<<<<

**מאפע פון זיצן אין בית המדרש "היכל הקודש" אין אומאן**

**צו דינגען א זיץ רופט: 347-770-2290**

**$125** **$75** **$50** **ארון הקודש** **עמוד**



>>>>>>

ווִיל מִיר טְרֶעפְן, זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר אַהֶער".

בַּיינַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, אוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז זַיין מַאמֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִים גֶעזָאגְט, "יֶעצְט אִיז דַיין זֵיידֶע דָאךְ שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִיר, וֶוען וֶועסְטוּ צוּרִיק גֵיין צוּ אִים [צוּ זַיין הֵיילִיגֶער קֶבֶר]?", הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט, "יֶעצְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ זַיין קֶבֶר, וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' גֵיין צוּ אִים".

קע

דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעווארְן גֶעוָוואוֹיר פוּן הִימְל אַז עֶר דַארְף פָארְן צוּ דִי שְׁטָאט קַאמִינִיץ.

גְלַייךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיזְשׁ, אִיז ר' שִׁמְעוֹן דָארְט זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְלָאזְן דָארְט אִין מֶעזֶעבִּיזְשׁ. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן ר' שִׁמְעוֹן, הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "וֶוען וֶועלְן מִיר זִיךְ נָאכְאַמָאל זֶען? אִיר קֶענְט זִיךְ דָאךְ פַארְזוּימֶען אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוער וֵוייסְט וִוי לַאנְג, אַזוֹי וִוי אִיר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע?", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן צוּ לַאנְג, נָאר אוּמְגֶעפֶער אַכְט צוּ צֶען טֶעג אוּן נִישְׁט מֶער", ר' שִׁמְעוֹן הָאט אִים אָבֶער צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "רֶבִּי, אִיר הָאט מִיר דָאךְ אָבֶער גֶעזָאגְט אִינְדֶערְהֵיים אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט וִוי לַאנְג דִי נְסִיעָה וֶועט נֶעמֶען?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ טַאקֶע נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, יֶעצְט וֵוייס אִיךְ שׁוֹין אָבֶער אַז אִיךְ דַארְף פָארְן קַיין קַאמִינִיץ, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין דָארְט פַאר צוּ לַאנְג, נָאר פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג וִוי פְרִיעֶר גֶעזָאגְט".

ר' שִׁמְעוֹן הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, בִּיז עֶר וֶועט אִים צוּזָאגְן אַז וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען וֶועט עֶר אִים טְרֶעפְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן עֶר וֶועט אִים מִיטְנֶעמֶען אַהֵיים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע דָאס צוּגֶעזָאגְט.

קעא

וַוייל יֶענֶע נַאכְט אִין מֶעזִיבִּיזְשׁ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גְלַייךְ פָארְן קַיין קַאמִינִיץ.

קעב

דֶער רֶבִּי הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט זֵיי פוּנֶעם דָארְף וָואלְחִיוִויץ, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן קַיין קַאמִינִיץ. זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן וִוי פְּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, אָן קַיין שׁוּם פִּרְסוּם וִוי אַ רֶבִּי וָואלְט גֶעפָארְן. כָאטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט שְׁטַארְק מְפוּרְסָם אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אָבֶער אָנְגֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין אִין עֶרְגֶעץ, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט וִויסְן וֶוער עֶר אִיז. זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן בְּלוֹיז וִוי סוֹחֲרִים פָארְן פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## שיינער שידוך פון א תלמיד הישיבה

מיט גרויס שמחה האבן אנשי שלומנו אויפגענומען די בשורה פונעם שידוך שליסן פון הב' אהרן פיש נ"ו בן מו"ה זעליג הי"ו פון די חשובע תלמידים אין ישיבה, עב"ג הכלה תחי' בת מו"ה משה שטיינבערג הי"ו.

די מסיבת לחיים איז פארגעקומען פארגאנגענעם ערב שבת קודש אין די סקאליע קאנטרי, ביים סקאליע רבי שליט"א, מיט די באטייליגונג פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס איז גלייכצייטיג אויך געווען דער שדכן. ביים לחיים האט דער סקאליע רבי שליט"א ווארעם אנגעווינטשן פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז ער זאל ווייטער זוכה זיין צו מרבה זיין גבולי הקדושה.

סיי דער חתן נ"י און סיי די כלה תחי' זענעןביידע געווען ביי מוהרא"ש'ס ציון אין יבניאל און געפאלגט וואס מוהרא"ש האט געהייסן אויפקריצן אויף זיין מצבה, "יעדער בחור און יעדע מיידל וואס וועלן קומען צו מיין ציון און אויסזאגן דארט גאנץ ספר תהלים, וועל איך נישט רוען אויף יענע וועלט ביז איך וועל טרעפן פאר זיי א שידוך". און ב"ה זיי האבן יעצט ביידע געטראפן זייער שידוך אין זכות פון אמונת צדיקים און פאלגן בתמימות ובפשיטות וואס דער צדיק האט געהייסן.

דער חתן איז א געטרייער איבערגעגעבענער תלמיד פון ראש ישיבה, וואס אויסער זיינע גוטע מידות טובות מיט וואס ער איז אויסגעצייכנט, האט ער די זכיה אז ער האט שוין געענדיגט ש"ס צוויי מאל ביז יעצט, און יעצט פלאנט דער חתן מיט'ן אייבערשטנ'ס הילף צו ענדיגן ש"ס צום דריטן מאל אויף זיין חתונה בשטו"מ.

די כלה איז א לערערין אין די בית פיגא סקול, וואו זי געבט זיך אוועק פאר די טייערע קינדער, און לייגט אריין אין זיי יראת שמים און גוטע מידות.

**עוד ישמע בערי יהודה ובחוצות ירושלים קול חתן וקול כלה!**

***

## ברית אין קעמפ לבן הנולד ביי מו"ה אלי קנאלל הי"ו

דעם פארגאנגענעם ערב שבת קודש האבן די בחורים אין קעמפ געהאט די זכי' אז מען האט געפראוועט א ברית מילה אין ביהמ"ד פון קעמפ, פאר'ן ניי געבוירן אינגל פון מו"ה אלי קנאלל הי"ו.

דער ראש ישיבה שליט"א איז מכובד געווארן מיט סנדקאות, דער טאטע פון בעל שמחה, מו"ה יצחק דוב הי"ו, איז מכובד געווארן מיט סנדק מעומד. ויקרא שמו בישראל, "ישראל".

מען האט געזען ווי דער ציבור נוצט אויס די גוואלדיגע געלעגנהייט בשעת דעם ברית ווען אליהו הנביא קומט, און יעדער האט גערעדט צום אייבערשטן שטילערהייט, און איבערגעבעטן דעם אייבערשטן אין די צייט ווען דער אייבערשטער איז מוחל די עבירות אין זכות פון אליהו הנביא.

דערנאך איז פארגעקומען די סעודת ברית אין בית המדרש, דער ראש ישיבה האט אויפגעטרעטן און ארויסגעברענגט צווישן אנדערע אז די פרשיות פון די וואך, מטות און מסעי, זענען אינאיינעם די לענגסטע סדרה אין די צאל פסוקים און מיט דעם ענדיגט מען ספר במדבר, קען מען זען אז ווער עס האט געפאלגט מוהרא"ש ז"ל און מעביר סדרה געווען יעדן טאג אביסל, האט זוכה געווען און מסיים געווען יעדע וואך די סדרה, און יעצט איז אים א שמחה "חזק חזק ונתחזק", ער ענדיגט יעצט גאנץ ספר במדבר, און פארקערט אויב מ'וויל נאר שלימות, מ'מוז יוצא זיין אלע שיטות און אלע חומרות, און די הנהגות פון אלע צדיקים, טוט מען דערנאך גארנישט.

דער עולם האט ווארעם אנגעוואונטשן פאר די בעלי שמחה, און דערנאך האט מען געבענטשט ברכת המזון.

**כשם שנכנס לברית כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים!**


# אומאן ראש השנה!

אלע אייערע געברויכן פאר אומאן

עירליין טיקעטס; טרעוול אינשורענס; און נאך

~ בעסטע פרייזן און שנעלסטע סערוויס ~

אייער פריינד

אלי קנאלל

718-506-4341

Plan it Rite

Travel the right way



## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע מזל טוב פאר

החתן אהרן פיש נ"ו

וואס איז א חתן געווארן למזל טוב עב"ג

דער אייבערשטער זאל העלפן אז עס זאל זיין א קשר של קימא און א בנין עדי עד מיט דורות ישרים ומבורכים



## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**



## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים.**



**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-414-8429 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

< BreslevCenter.com >

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

212-444-9169/ 845-414-8426 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**